בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון ק"ו

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת אחרי קדושים
שנת תשפ"ה


## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, פַּרְשַׁת אֱמוֹר שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן.**

### דִי מְלַמְּדִים דַארְפְן מַאכְן לִיכְטִיג פַאר דִי קִינְדֶער

שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם מַיינֶע טַייעֶרֶע לִיבֶּע מְלַמְּדִים. מֶען הָאט שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶעם זוּמֶער זְמַן, אוּן דִי קִינְדֶער זֶענֶען שׁוֹין צוּרִיק אִין חֵדֶר אוּן אִין יְשִׁיבָה, וֶועלְן מִיר זִיךְ נָאכְאַמָאל מְחַזֵּק זַיין מִיט אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

דֶער פָּסוּק הֵייבְּט אָן דִי וָואךְ (וַיִּקְרָא כא, א): **"וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה, אֱמֹר אֶל הַכֹּהֲנִים בְּנֵי אַהֲרֹן וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם וגו'"**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט צוּ מֹשֶׁה, זָאג צוּ דִי כֹּהֲנִים, אוּן דוּ זָאלְסְט זֵיי זָאגְן, אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט מְטַמֵּא זַיין צוּ אַ קֶערְפֶּער פוּן אַ טוֹיטְן מֶענְטְשׁ.

פְרֶעגְט רַשִׁ"י (דִיבּוּר הַמַּתְחִיל אֱמֹר אֶל הַכֹּהֲנִים) פַארְוָואס שְׁטֵייט אַ טָאפְּלְט לָשׁוֹן 'אֱמֹר - זָאג', 'וְאָמַרְתָּ - אוּן דוּ זָאלְסְט זֵיי זָאגְן'? עֶנְטְפֶערְט רַשִׁ"י: **"לְהַזְהִיר גְּדוֹלִים עַל הַקְּטַנִּים"**, אַז דִי כֹּהֲנִים דַארְפְן אוֹיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זֵייעֶרֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט מְטַמֵּא זַיין.

דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים זוּכְן דָאךְ אִין יֶעדְן דְרַשׁ אַרַיינְצוּלֵייגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְן דִי צַדִּיקִים אַזַא פְּשַׁט אִין דֶעם רַשִׁ"י: **"לְהַזְהִיר"** - אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן שַׁיינֶען, פוּן לִיכְטִיג מַאכְן, **"גְּדוֹלִים עַל הַקְּטַנִּים"**, דִי גְרוֹיסֶע דַארְפְן מַאכְן לִיכְטִיג פַאר דִי קְלֵיינֶע; דָאס מֵיינְט, דִי טַייעֶרֶע מְלַמְּדִים דַארְפְן אַרַיינְלֵייגְן אַ שַׁיין אוּן לִיכְטִיג מַאכְן פַאר דִי קִינְדֶערְלֶעךְ, דִי טַייעֶרֶע תַּלְמִידִים.

פַארְוָואס קוּמֶען קִינְדֶער אִין חֵדֶר? וַוייל מֶען הֵייסְט זֵיי גֵיין; קַיין אֵיין קִינְד וִויל נִישְׁט קוּמֶען אִין חֵדֶר, אֲפִילוּ וֶוען מֶען קוּמְט שׁוֹין אִין חֵדֶר וַוארְטְן אַלֶע קִינְדֶער עֶס זָאל וֶוערְן הַפְסָקָה, זֵיי קוּקְן אוֹיפְן זֵייגֶער 'וֶוען גֵייט מֶען שׁוֹין קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין שְׁפִּילְן מִיט דִי בְּרֶעטֶער, מִיט דִי בּוּדְקֶעס, מִיט דִי זַאמְד אוּן שְׁטֵיינֶער, אוּן דֶער אוֹיסְדֶערְוֶועלְטֶער מְלַמֵּד הָאט דִי זְכִיָה צוּ זִיצְן מִיט זֵיי, אוּן עֶר שַׁיינְט אִין זֵיי אַרַיין יִרְאַת הַשֵּׁם, אַהֲבַת הַשֵּׁם, דְבֵיקוּת בְּהַשֵּׁם אוּן הִשְׁתּוֹקְקוּת לַשֵּׁם.

### וָואס מֶען הַאקְט אַרַיין אִין קִינְדֶער - בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג

אִיךְ וֶועל נִישְׁט מַאכְן קַיין לַאנְגֶע דְרָשׁוֹת, אִיךְ וִויל עֶנְק זָאגְן אַפָּאר זַאכְן, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ: וָואס מֶען לֵייגְט אַרַיין יוּנְגֶערְהֵייט אִין קִינְדֶער - בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג.

טַייעֶרֶע מְלַמְּדִים פוּן בְּרֶסְלֶב אוּן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַז מִיר וֶועלְן אַרַיינְבְּרֶאקְן אִין דִי קִינְדֶער 'אֱמוּנָה' - וֶועט דָאס בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג. אוּן פַארְדֶעם הָאבְּן מִיר גֶעעֶפְנְט דִי חֵדֶר, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן, לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וָואס עֶס וֶועט נָאר וֶוערְן מִיט דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי וֶועלְן וֶוערְן עֶלְטֶער אוּן זֵיי גֵייעֶן זַיין טָרוּד - יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיינֶע זַאכְן, אוּן גֶעוִויסֶע פוּן דִי קִינְדֶער גֵייעֶן מֶער נִישְׁט מְדַקְדֵק זַיין אוֹיף גֶעוִויסֶע זַאכְן, גֵייעֶן זֵיי אָבֶּער אֵייבִּיג גֶעדֶענְקֶען דִי 'אֱמוּנָה', אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער! אוּן וֶוען עֶפֶּעס גֵייט נִישְׁט גֵיין גוּט, וֶועלְן זֵיי עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל אוּן זָאגְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר"**.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן צוּ רֶעדְן פוּן דֶעם הַיינְט, וַוייל אִיךְ הָאבּ לֶעצְטְנְס גֶערֶעדְט מִיט אֵיינֶעם פוּן מַיינֶע חֲבֵרִים פוּן מַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, וָואס אִיז נִישְׁט אַזוֹי מְדַקְדֵק אִין גֶעוִויסֶע זַאכְן; עֶר אִיז יֶענֶער חֶבְרָה'מַאן, עֶר שְׁנַיידְט אוּנְטֶער דִי בָּארְד, אוּן קוּקְט אַ גַאנְצְן טָאג אִין זַיין גְרוֹיסֶע טֶעלֶעפָאן, זִיכֶער לֶערְנְט עֶר נִישְׁט דָארְט קַיין 'חוֹבוֹת

### דֶער צַדִּיק פַארְן קוּמֶענְדִיגְן דוֹר

הַלְּבָבוֹת'... אוּן אִיךְ זֶע אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, אִין גֶעוִויסֶע זַאכְן אִיז עֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק מְדַקְדֵק, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, צוּם 'כּוֹתֶל הַמַּעֲרָבִי' גֵייט עֶר נִישְׁט, אוּן 'מַאשִׁין מַצּוֹת' עֶסְט עֶר נִישְׁט. הָאבּ אִיךְ גְלַייךְ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר אַז דָאס אִיז שְׁטַארְקֶע חִיזוּק פַאר מְלַמְּדִים, דָא זֶעט מֶען וִוי שְׁטַארְק דֶער 'חִינוּךְ' בְּלַייבְּט אִין אַ מֶענְטְשׁ, אוּן וָואס מֶען בְּרָאקְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער דָאס בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג, וַוייל מִיר זֶענֶען אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אִין סַאטְמַאר, וָואס אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע אוּן אַ שֵׁיינֶע פְּלַאץ, מִיט אַ הֵיילִיגֶע שִׁיטָה אוּן אַ הֵיילִיגֶע הַשְׁקָפָה, אוּן אִיךְ זֶע וִוי דִי זַאכְן וָואס מֶען הָאט אַרַיינְגֶעהַאקְט אִין דִי חִינוּךְ פוּן דִי קִינְדֶער, בְּלַייבְּט אִין דִי קִינְדֶער אֲפִילוּ וֶוען מֶען הָאט אָפְּגֶעלָאזְט דִי אַנְדֶערֶע זַאכְן.

### רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן קְדוּשַּׁת הַבְּרִית

טַייעֶרֶע מְלַמְּדִים, אִיךְ וִויל עֶנְק מְחַזֵּק זַיין אוֹיף נָאךְ אַ זַאךְ. מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן **"קְדוּשַּׁת הַבְּרִית"**. זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: **"קֵיינֶער קֶען דִיךְ נִישְׁט אָנְרִירְן!"**

וָואס מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער גֵייט אַרַיין אִין זֵיי. אַסַאךְ מָאל עֶרְוַוארְטְן מְלַמְּדִים מֶען זָאל גְלַייךְ זֶען וָואס מֶען הָאט אוֹיפְגֶעטוּן מִיט דִי דִיבּוּרִים, דִי קִינְדֶער זָאלְן גְלַייךְ אָנְהֵייבְּן וֵויינֶען אוּן חֲרָטָה הָאבְּן אוֹיף זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים, אָבֶּער עֶס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי, מֶען דַארְף אַרַיינְלֵייגְן אִין קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם, אֲפִילוּ עֶס דֶערְקֶענְט זִיךְ גָארְנִישְׁט אוֹיף דִי קִינְדֶער אַז דִי דִיבּוּרִים טוּעֶן עֶפֶּעס אוֹיף, אוּן מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אַז דִי אַלֶע דִיבּוּרִים גֵייעֶן אַרַיין אִין זֵייעֶר מֹחַ, אוּן צוּם סוֹף וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אוּן זֵיי גֵייעֶן אוֹיסְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.

הָאטְס נִישְׁט מוֹרָא צוּ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשַּׁת הַבְּרִית, בֶּעטְס נָאר פַארְדֶעם אַ תְּפִלָּה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר יִרְאַת שָׁמַיִם, אַז מַיינֶע וֶוערְטֶער זָאלְן אַרַיינְגֵיין אִין זֵייעֶר הַארְץ"**, וַוייל

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:): **"כָּל אָדָם שֶׁיֵּשׁ בּוֹ יִרְאַת שָׁמַיִם דְּבָרָיו נִשְׁמָעִין"**, וֶוער עֶס הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם ווערְן זַיינֶע וֶוערְטֶער אָנְגֶענוּמֶען; אַז מֶען רֶעדְט אָן יִרְאַת שָׁמַיִם דַארְף מֶען עֶס אִיבֶּערְזָאגְן נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל, בִּיז מֶען וֶועט עֶפֶּעס אוֹיפְטוּן.

אַ טַאטֶע קֶען אַוֶועקְפָּארְן אוֹיף שַׁבָּת אוֹיף וַואקַאצְיֶע און עֶר שִׁיקְט אַוֶועק זַיינֶע קִינְדֶער צוּ אַ מִשְׁפָּחָה, און עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אַז דִי וַואקַאצְיֶע קֶען אִים גֶעבְּן אַרְבֶּעט אַ גַאנְץ לֶעבְּן, אוֹיבּ אִיז נִישְׁטָא קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם אִין יֶענֶע מִשְׁפָּחָה; וַוייל עֶס אִיז דָא אַ לַאנְגֶע שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג, און (כְּתוּבּוֹת נט:) **"בַּטָּלָה מְבִיאָה לִידֵי זִימָּה"**, גֵיין לֵיידִיג בְּרֶענְגְט צוּ שְׁלֶעכְטְס, קוּמְט אַ פֶּעטֶער אָדֶער אַ מוּמֶע וְכַדוֹמֶה און הֵייבְּט זִיךְ אָן שְׁפִּילְן און פַּאטְשְׁקֶענֶען מִיט זֵייעֶר קֶערְפֶּער רַחֲמָנָא לִצְלָן. דֶער בָּחוּר און דִי מֵיידְל וָואס שְׁפִּילְן זִיךְ נִישְׁט אֵיידְל זֶענֶען אוֹיךְ נִישְׁט שׁוּלְדִיג וַוייל קֵיינֶער הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעזָאגְט אַז מֶען טָאר דָאס נִישְׁט טוּן, און לֵיידֶער גֵייט אַזוֹי אַ קֵייט, אֵיינֶער שְׁלֶעפְּט דֶעם צְוֵוייטְן, דֶער צְוֵוייטֶער שְׁלֶעפְּט אַ דְרִיטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן. אָבֶּער אַז מֶען רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן שְׁמִירַת הַבְּרִית - פּוֹעֵל'ט מֶען.

אֲפִילוּ אוֹיבּ דוּ וֶועסְט נָאר רַאטֶעוֶוען אֵיין קִינְד פוּן אַ כִּתָּה, הָאסְטוּ גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם קוּמֶענְדִיגְן צַדִיק פַארְן קוּמֶענְדִיגְן דוֹר.

דֶער עִיקָר אִיז מֶען זָאל רֶעדְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט; מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר מֶען גֵייט אַרַיין אִין כִּתָּה מֶען זָאל לִיבּ הָאבְּן דִי קִינְדֶער, און מֶען זָאל זֶען דָאס גוּטְס פוּן דִי קִינְדֶער.

## אַרָאפְּקוּקְן אִין גַאס, און זִיךְ שְׁפִּילְן בַּאזוּנְדֶער

בִּפְרַט יֶעצְט אַז עֶס קוּמְט זוּמֶער, דַארְף מֶען רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן 'שְׁמִירַת עֵינַיִם', פוּן **"וְלֹא תָתוּרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם** (בַּמִּדְבָּר טו, לט)**"**, און פוּן קְדוּשַּׁת הַמּוֹחַ וְהַמַּחְשָׁבָה.

זָאגְט אָן דִי קִינְדֶער אַז מֶען דַארְף הָאבְּן שְׁמִירַת עֵינַיִם וֶוען מֶען פָארְט אַהֵיים מִיט דִי בָּאס, אָדֶער וֶוען מֶען גֵייט אִין גַאס; מֶען דַארְף אַרָאפְּקוּקְן אוֹיף דֶער עֶרְד.

יֶעצְט זוּמֶער טוּט זִיךְ אִין דִי גַאסְן און אִין אַלֶע חֲצֵרוֹת, מֵיידְלֶעךְ שְׁפִּילְן און טַאנְצְן אַרוּם, דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער אַז אִינְגְלֶעךְ שְׁפִּילְן זִיךְ מִיט אִינְגְלֶעךְ, און מֵיידְלֶעךְ שְׁפִּילְן זִיךְ מִיט מֵיידְלֶעךְ, מֶען מִישְׁט נִישְׁט קַיין יוֹצְרוֹת, חֲמוֹר-אֵייזְל פּוּטֶער-אֵייזְל, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶערְגַארְטְן קִינְדֶער, זֵיי הַאלְטְן נָאכְנִישְׁט בַּיי דֶעם, אָבֶּער פַאר גְרֶעסֶערֶע קִינְדֶער זָאל יֶעדֶער מְלַמֵּד זָאגְן פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים: **"עֶטְץ זֶענְטְס שׁוֹין פוּן דִי גְרוֹיסֶע קִינְדֶער, עֶטְץ דַארְפְטְס שׁוֹין וִויסְן אַז אִינְגְלֶעךְ און מֵיידְלֶעךְ שְׁפִּילְן זִיךְ בַּאזוּנְדֶער, און מֶען דַארְף שׁוֹין אַרָאפְּקוּקְן אִין גַאס"**.

## מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן אִין בֵּית הַכִּסֵא

וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער פוּן 'קְדוּשָּׁה', גֶעבְּט מֶען אַזֶעלְכֶע מְשָׁלִים וָואס מֶען הָאט גֶעהֶערְט אַז אַזַא מַעֲשֶׂה הָאט אַמָאל פַּאסִירְט. זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: **"מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן אוּנְטְן פוּן דִי בָּאס, אָדֶער אוּנְטֶער אַ זִיץ, אָדֶער אִין אַ וִוינְקְל פוּן בֵּית הַכִּסֵא; מֶען קֶען נִישְׁט אוּנְטֶערְקְרִיכְן אַ בֵּית הַכִּסֵא און אַרַיינְקוּקְן אִין אַ בֵּית הַכִּסֵא וֶוען אֵיינֶער אִיז דָארְט; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט אַלֶעס!"**

מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר קִינְדֶער אַז מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן אִין בֵּית הַכִּסֵא. אֲפִילוּ אִינְדֶערְהֵיים וֶוען דִי עֶלְטֶערְן קְלַאפְּן אוֹיפְן טִיר פוּן בֵּית הַכִּסֵא קֶען נִישְׁט רֶעדְן, נָאר מֶען בְּרוּמְט מִיט אַ צוּגֶעמַאכְטֶע מוֹיל מֶען זָאל וִויסְן אַז אֵיינֶער אִיז דָארְט, וְוִי עֶס שְׁטֵייט אִין גְמָרָא (בְּרָכוֹת סב:). בַּיי אוּנְז הָאט מֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם.

לֶעצְטְנְס זֶע אִיךְ אַז מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט קַיין בּוּשָׁה; אִיךְ הֶער אַז עֶס זֶענֶען דָא הַייזֶער וָואס מֶען בּוֹיעֶט אַרַיין אַ גַאנְצֶע טֶעלֶעפָאוֹן סִיסְטֶעם אִין בֵּית הַכִּסֵא... און אַמָאל הֶער אִיךְ וְוִי מֶענְטְשְׁן מַאכְן בִּיזְנֶעס אִין בֵּית הַכִּסֵא. וֶוען אִיךְ הֶער אִין יְשִׁיבָה וְוִי אֵיינֶער הֵייבְּט אוֹיף דֶעם טֶעלֶעפָאוֹן אִין בֵּית הַכִּסֵא - לֶעשׁ אִיךְ אוֹיס דִי לֶעקְטֶער! וָואס אִיז דָאס? דָא אִיז נִישְׁט קַיין אָפִּיס! מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן אִין בֵּית הַכִּסֵא.

## דִי וָואס שְׁטֵייעֶן אוֹיף אִין צַייט, קֶענֶען אַרְבֶּעטְן אִין דִי מוֹסָד

אִיךְ וִויל עֶנְק נָאכְאַמָאל בֶּעטְן, מֶען מוּז גֵיין שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ, און מֶען מוּז אוֹיפְשְׁטֵיין צַייטְלִיךְ.

עֶס אִיז לֶעצְטְנְס גֶעוֶוען אַ גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה אִין שְׁטֶעטְל, מֶען הָאט גֶעהַאט טַעֲנוֹת אַז דֶער מֶענֶעדְזְשֶׁער הָאט גֶעטוּן אַן עַוְלָה, וַוייל עֶר וֶועקְט אוֹיף יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי דִי בָּאס דְרֵייוֶוערְס כְּדֵי זֵיי זָאלְן זַיין צַייטְלִיךְ בַּיי דִי קִינְדֶער, און אֵיין טָאג וֶוען אֵיין בָּאס דְרֵייוֶוער הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיין טֶעלֶעפָאוֹן, הָאט עֶר גֶערוּפְן דִי בָּאס דְרֵייוֶוער'ס וַוייבּ אוֹיפְן טֶעלֶעפָאוֹן זִי זָאל אוֹיפְוֶועקְן אִיר מַאן דֶער בָּאס דְרֵייוֶוער. עֶס הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אַ גַאנְצֶע מַעֲרָכָה, פְּשְׁשְׁ... אַזַא חוּצְפָּה, דֶער מֶענֶעדְזְשֶׁער רוּפְט אָן אַ פְרוֹי אוֹיף אִיר סֶעלְפְאוֹן. הָאט מִיר דֶער מֶענֶעדְזְשֶׁער גֶעפְרֶעגְט: **"וָואס זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה צוּ דִי מַעֲשֶׂה? אִיךְ הָאבּ גוּט גֶעטוּן, אָדֶער נִישְׁט?"** הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: אִיךְ וָואלְט נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט מִיט'ן אָנְרוּפְן, אִיךְ וָואלְט אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען און אִים אָנְגֶעגָאסְן מִיט אַן אַמְפֶּער וַואסֶער...

פָארִיגֶע וָואךְ הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו פַארְן מְנַהֵל אַז עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג וָואס מֶען טוּט, דֶער מְנַהֵל הָאט אַ צָרָה אַז עֶר דַארְף אוֹיפְוֶועקְן מְלַמְּדִים, און דֶער מֶענֶעדְזְשֶׁער הָאט אַ צָרָה אַז עֶר דַארְף אוֹיפְוֶועקְן דִי בָּאס דְרֵייוֶוערְס, פוּן הַיינְט און וַוייטֶער אִיז דָאס גֶעעֶנְדִיגְט, וֶוער עֶס דַאוֶוענְט מִיט דִי עֶרְשְׁטֶע מִנְיָן, זִיבְּן אַזֵייגֶער, קֶען אַרְבֶּעטְן אִין דִי מוֹסָד, און אַז נִישְׁט - גֵיי זוּךְ אַ צְוֵוייטֶע אַרְבֶּעט.

פַארְוָואס זָאל מֶען זִיךְ דַארְפְן מוּטְשֶׁען מִיט מֶענְטְשְׁן? אִיז דָאס אַ נָארְמַאלֶע זַאךְ צוּ דַארְפְן אוֹיפְוֶועקְן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע?! און נָאכְדֶעם וֶוערְט מֶען נָאךְ 'דֶער שְׁלֶעכְטֶער'... טוּ מִיר אַ טוֹבָה, אַז דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף צוּפְרִי - אִיז גוּט, אַז נִישְׁט - זוּךְ אַ צְוֵוייטֶע אַרְבֶּעט.

דָאס אִיז נִישְׁט נָאר וֶוען מֶען אַרְבֶּעט מִיט קִינְדֶער, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט יֶעדֶע סָארְט אַרְבֶּעט. אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט לֶעצְטְנְס גֶעעֶפְנְט אַ גֶעשֶׁעפְט אִין שְׁטֶעטְל, עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר וִויל אוֹיפְנֶעמֶען אַ סֶעקְרֶעטֶערִי פַאר זַיין גֶעשֶׁעפְט, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: **"נֶעם נִישְׁט אוֹיף אֵיינֶעם וָואס דַאוֶוענְט שְׁפֶּעט, וַוייל אַזַא אֵיינֶער וֶועט אוֹיךְ אָנְקוּמֶען שְׁפֶּעט צוּ דִי אַרְבֶּעט; וֶוער עֶס דַאוֶוענְט שַׁחֲרִית זִיבְּן אַזֵייגֶער אִינְדֶערְפְרִי זָאלְסְטוּ נֶעמֶען אִין דַיין גֶעשֶׁעפְט"**, זָאגְט מִיר דֶער אִינְגֶערְמַאן: **"אַלֶע וָואס דַאוֶוענֶען מִיט דִי זִיבֶּענֶע מִנְיָן, הָאבְּן שׁוֹין דְזְשַׁאבְּ'ס"**, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: **"עֶס לוֹינְט נִישְׁט צוּ נֶעמֶען אַ צְוֵוייטְן פַאר אַן אַרְבֶּעטֶער, עֶס אִיז אַ שָׁאד דוּ זָאלְסְט זִיךְ יֶעדְן טָאג אוֹיפְּעסְן דַיין לֶעבְּן וֶועגְן יֶענֶעם וָואס גֵייט יֶעדְן טָאג אָנְקוּמֶען שְׁפֶּעט צוּ דִי אַרְבֶּעט"**.

## דֶער מְלַמֵּד שְׁפִּילְט זִיךְ אוֹיךְ מִיט זַיין דֵייס

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט דֶעם מְלַמֵּד; דֶער מְלַמֵּד קֶען מַמָּשׁ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין אַ אִינְגְל וָואס שְׁפִּילְט זִיךְ בַּיים דַאוֶוענֶען מִיט אַ דֵייס (קוּגֶעלֶע), און דוּ מְלַמֵּד?! שֶׁעם זִיךְ, דוּ בִּיסְט דָאךְ שׁוֹין אַ גָּדוֹל, דוּ וָואלְסְט שׁוֹין גֶעדַארְפְט וִויסְן וָואס הֵייסְט אַ בַּאשֶׁעפֶּער און וָואס הֵייסְט דַאוֶוענֶען, און דוּ בַּאהַאלְטְסְט זִיךְ נָאכְמִיטָאג אִין אַ כִּתָּה מִיט דִי תְּפִילִין און דוּ דַאוֶוענְסְט שַׁחֲרִית, אָבֶּער דֶער אִינְגְל פוּן זִיבְּן יָאר קֶענְסְטוּ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס עֶר הַאלְט נִישְׁט בַּיים דַאוֶוענֶען און עֶר שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט אַ דֵייס... - דָאס מֵיינְט אַז עֶר הַאלְט

## המשך שיעורים אין חינוך

פונעם ראש ישיבה שליט״א

נִשְׁט בַּיים דַאוֶוענֶען?! עֶר אִיז דָאךְ אַ קִינְד, פַאר אַ קִינְד דַארְף מֶען זָאגְן נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל: **"מֶען דַאוֶוענְט יֶעצְט"**, אָבֶער דו - דַאוֶוענְסְט נִשְׁט! טו מִיר אַ טוֹבָה, זוּךְ דִיר אַ צְווֵייטֶע פַּרְנָסָה.

אִיז דֶען נִשְׁט קַיין חִלּוּל הַשֵּׁם אַז אַ מְלַמֵּד דַאוֶוענְט נָאכְמִיטָאג?!

אַסַאךְ מָאל דַארְף אִיךְ זִיךְ אַיינְהַאלְטְן שַׁבָּת בַּיים דַאוֶוענֶען, וֶוען אִיךְ זֶע ווִי אַ מְלַמֵּד שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט 'זַיין דֵייס' בַּיים דַאוֶוענֶען. וָואס אִיז זַיין דֵייס? עֶר לֵיינְט אַ גִּלְיוֹן אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען, עֶס קוּמְט אוֹיס אַז עֶר דַאוֶוענְט אוֹיךְ נִשְׁט.

### אִיךְ ווִיל קֵיינֶעם נִשְׁט צֶעבְּרֶעכְן חַס וְשָׁלוֹם

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט פַּאר אַ מִינוּט אִינְמִיטְן רֶעדְן און גֶעזָאגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיךְ אִיךְ זָאל קֵיינֶעם נִשְׁט צֶעבְּרֶעכְן, אִיךְ זָאל נָאר מְחַזֵּק זַיין"**, און דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען מִיטְן שִׁיעוּר:

אִיךְ ווִיל קֵיינֶעם נִשְׁט צֶעבְּרֶעכְן חַס וְשָׁלוֹם, אִיךְ ווִיל עֶנְק נָאר בֶּעטְן; פַארְבְּרֶען נִשְׁט בַּיינַאכְט דִי צַייט, גֵיי שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ, און בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דו זָאלְסְט קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין פְרִי, נָאכְדֶעם שְׁטֵיי אוֹיף צוּפְרִי, גֵיי אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן און דַאוֶוען זִיבְן אַזֵייגֶער אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ מִיט מִנְיָן.

נָאכְן דַאוֶוענֶען גֵיי צוּרִיק אַהֵיים גִיס אָפּ דַיינֶע קִינְדֶער נֶעגְל וַואסֶער. וֶוער עֶס שְׁטֵייט אוֹיף צוּפְרִי הָאט 'אֲרִיכוּת יָמִים', וַוייל עֶר הָאט אַ שֵׁיינֶע לַאנְגֶע טָאג...

אִינְגֶערְמַאן, דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵּד, דִי וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף דִיר; גֵיי נִשְׁט אִין עֶרְגֶעץ בַּיינַאכְט.

אֲפִילוּ לֵיל שִׁישִׁי דַארְפְסְטוּ נִשְׁט אַרַיינְפָּאַרְן קַיין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג מִיטְצוּהַאלְטְן דֶעם שִׁיעוּר פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אַז דוּ ווִילְסְט הֶערְן דֶעם שִׁיעוּר קֶענְסְטוּ עֶס הֶערְן אוֹיפְן טֶעלֶעפָאוֹן. דַאוֶוען מַעֲרִיב נַיין אַזֵייגֶער, נָאךְ מַעֲרִיב גֵיי אַהֵיים, הֶער אוֹיס דֶעם שִׁיעוּר אִין בֶּעט און שְׁלָאף אַיין מִיטְן שִׁיעוּר.

גֵיי נִשְׁט אַרוּם לֵיל שִׁישִׁי בַּיינַאכְט זוּכְן וואוּ צוּ עֶסְן טְשׁוּלְנְט, 'אָבֶער פְרַייטָאג אִיז סֵיי ווִי אַ גֶע'פֵּגֶר'טֶע טָאג'? - דָאס אִיז נִשְׁט אֱמֶת, פְרַייטָאג אִיז נִשְׁט קַיין גֶע'פֵּגֶר'טֶע טָאג, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר הָאבְּן גֶעמַאכְט פְרַייטָאג אַבִּיסְל לֶענְגֶער חֵדֶר, און אִיךְ טְרַאכְט נָאךְ אֶפְשָׁר צוּ מַאכְן נָאךְ לֶענְגֶער חֵדֶר, בִּיז אֵיינְס אַזֵייגֶער, עֶס אִיז דָאךְ אַזַא לַאנְגֶע טָאג פַאר דִי קִינְדֶער דִי קִינְדֶער הָאבְּן נִשְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט אַזַא לַאנְגֶע טָאג.

### אִין דִי שָׁעוֹת פוּן חֵדֶר - אִיז נָאר דָא דִי חֵדֶר

בַּיי אוּנְז אִיז דָאךְ יֶעדֶער מְלַמֵּד עוֹסֵק אִין נָאךְ זַאכְן, בָּרוּךְ הַשֵּׁם; אֵיינֶער אִיז עוֹסֵק מִיט אוּמַאן, אֵיינֶער אִיז עוֹסֵק מִיט מַאכְן דִי חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה, אֵיינֶער אִיז עוֹסֵק מִיטְן אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט דִי לָאנְטְשׁ פְּרָאגְרַאמֶען, אֵיינֶער אִיז עוֹסֵק מִיט הֲפָצָה און אֵיינֶער מִיט הַדְפָּסָה, - דָאס אִיז אַלֶעס זֵייעֶר חָשׁוּב, אָבֶער אִין דִי שָׁעוֹת פוּן חֵדֶר זָאל מֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין מִיט זַייטִיגֶע זַאכְן; אִין דִי שָׁעוֹת פוּן חֵדֶר - אִיז נָאר דָא דִי חֵדֶר.

### אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער שֵׁיינֶע יְדִיעוֹת און לִימוּדִים

רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער נָאךְ שֵׁיינֶע זַאכְן, לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער נָאךְ יְדִיעוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען קֶען לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער 'תַּרְיַ"ג מִצְוֹת', גֵיין אַ מִצְוָה נָאךְ אַ מִצְוָה און עֶס אַבִּיסְל מַסְבִּיר זַיין פַאר דִי קִינְדֶער; מֶען קֶען לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער הִלְכוֹת שַׁבָּת און הִלְכוֹת תְּפִלָּה.

מֶען קֶען אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער 'הִלְכוֹת תְּפִלָּה' בְּשַׁעַת זֵיי דַאוֶוענֶען; מֶען לֶערְנְט זֵיי אוֹיס: **"דָא רֶעדְט מֶען נִשְׁט אוֹיס"**, **"דָא קוּקְט מֶען נִשְׁט אַרוֹיס"**, **"דָא שְׁטֵייט מֶען"**, **"דָא זִיצְט מֶען"**, **"דָאס זָאגְט מֶען אַזוֹי"**, און **"דָאס זָאגְט מֶען אַזוֹי"**, אַזוֹי לֵייגְט מֶען אַרַיין הִלְכוֹת תְּפִלָּה אִין דִי קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן הַצְלָחָה און סַיַּעְתָּא דִשְׁמַיָּא, אָמֵן.

## בְּרֵיוֹון פוּן חִינוּךְ

פונעם ראש ישיבה שליט״א

### גֵיי מִיט דִי קִינְדֶער לַ"ג בָּעֹמֶר אִין פֶעלְד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"א אִיָּר, כ"ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ פָאר אִיךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ הָאף צוּ זַיין לַ"ג בָּעֹמֶר אִין מִירוֹן.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען דִי קִינְדֶער אִין פֶעלְד מִיט דִי פַייל און בּוֹיגְן, עֶס אִיז אַ מִנְהָג יִשְׂרָאֵל אַז קִינְדֶער שְׁפִּילְן לַ"ג בָּעֹמֶר מִיט פַייל און בּוֹיגְן.

עֶס אִיז דָא כַּמָּה טַעֲמִים אוֹיף דֶעם, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א אַ שֵׁיינֶע רֶמֶז אוֹיף דֶעם. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי שְׁבִיעִית ט, א; תּוֹסְפוֹת עֲבוֹדָה זָרָה טז ע"ב, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל דִּימוּס) וֶוען רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִיז אַרוֹיס פוּן זַיין בַּאהֶעלְטֶענִישׁ הָאט עֶר גֶעזֶען אֵיינֶער פַאנְגְט פֵייגְלֶעךְ, עֶס קוּמְט אַ פֵייגְל, עֶס וֶוערְט כִּמְעַט גֶעפַאנְגֶען און פְלוּצְלוּנְג פְלִיט דִי פֵייגְל אַוֶועק, נָאכְדֶעם קוּמְט אַ פֵייגְל און עֶר הֶערְט אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל: "סְפִּיקוּלָא" גֶעכַאפְּט! און דִי פֵייגְל וֶוערְט גֶעפַאנְגֶען, זָאגְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי פַאר זַיין זוּן רֶבִּי אֶלְעָזָר: "קוּק, אֲפִילוּ אַ קְלֵיינֶע פֵייגֶעלֶע קֶען מֶען נִשְׁט פַאנְגֶען נָאר נָאכְדֶעם וָואס מֶען זָאגְט אִין הִימְל מֶען זָאל אִיר פַאנְגֶען"; דֶערִיבֶּער שִׁיסְט מֶען לַ"ג בָּעֹמֶר מִיט אַ פַייל און בּוֹיגְן, צוּ וַוייזְן וָואס רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי לֶערְנְט אוּנְז, קַיין שׁוּם זַאךְ פַּאסִירְט נִשְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, קַיין שׁוּם זַאךְ אִיז אַ פֶערְצוּפַאל, יֶעדֶע זַאךְ אִיז בְּהַשְׁגָּחָה נִפְלָאָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גֵיי מִיט דִי קִינְדֶער לַ"ג בָּעֹמֶר אִין פֶעלְד, שְׁפִּיל מִיט זֵיי, טַאנְץ מִיט זֵיי, פְרֵיי זִיךְ מִיט זֵיי, אוֹיךְ זִינְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינְאֵיינֶעם. לֶערְן זֵיי אוֹיס וָואס רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט גֶעלֶערְנְט אִין פֶעלְד מִיט דִי הֵיילִיגֶע חַבְרַיָּא: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער".

...

(עצתו אמונה פרשת בחוקותי תשפ״ב)

### לַ"ג בָּעֹמֶר שְׁפִּילְן דִי קִינְדֶער מִיט אַ פַייל און בּוֹיגְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"א אִיָּר, כ"ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִין לַ"ג בָּעֹמֶר אִיז אַ מִנְהָג אַז דִי קִינְדֶער שְׁפִּילְן זִיךְ בַּיי אַ פַייל און בּוֹיגְן, עֶס וֶוערְט

גֶעבְּרֶענְגְט אַ טַעַם פוּן צַדִּיקִים, עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (תִּיקוּנִים, תִּיקוּן יח, דַּף לו:) דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין זוּן רֶבִּי אֶלְעָזָר: "לָא תְצַפֵּי לְרַגְלֵי דִמְשִׁיחָא עַד דְּתֶחֱזֵי קַשְׁתָּא בְּגַוְונוֹי נְהִירִין", דֶער סִימָן פוּן בִּיאַת מָשִׁיחַ וֶועט זַיין וֶוען מֶען וֶועט זֶען אַ קֶשֶׁת בְּגַוְונוֹי נְהִירִין; לַ"ג בָּעֹמֶר אִיז אַ טָאג וָואס רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דִי סוֹדוֹת הַתּוֹרָה וָואס בְּרֶענְגְט מָשִׁיחַ, דֶערְפַאר גֵייעֶן דִי קִינְדֶער אַרוֹיס אִין פֶעלְד שְׁפִּילְן מִיט אַ קֶשֶׁת, מְרַמֵּז צוּ זַיין אַז לַ"ג בָּעֹמֶר אִיז אַ צַייט פוּן בִּיאַת מָשִׁיחַ.

זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי קִינְדֶער לַ"ג בָּעֹמֶר, גֵיין מִיט זֵיי אִין פֶעלְד; מֶען זָאל שִׁיסְן מִיטְ'ן בּוֹיגְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מָשִׁיחַ זָאל שׁוֹין קוּמֶען.

לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם, רֶעד צוּ זֵיי פוּן שָׂכָר וְעֹנֶשׁ. אוֹיבּ מֶען טוּט מִצְוֹת בַּאקוּמְט מֶען גַן עֵדֶן, קִינְדֶער דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין גֶעבְּן גַן עֵדֶן לוֹיט זֵייעֶר פַארְשְׁטַאנְד; אוּן אוֹיבּ מֶען טוּט אַן עֲבֵירָה אִיז דָא עוֹנְשִׁים, אוּן אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה נֶעמְט מֶען אַוֶועק דִי עוֹנְשִׁים.

...

(עצתו אמונה פרשת בחוקותי תשפ"ב)

## וֶוען נֶעמְט מֶען אַרוֹיס קִינְדֶער פוּן חֵדֶר אָן בִּיטוּל תּוֹרָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער אַרוֹיסְנֶעמֶען מַיינֶע קִינְדֶער פוּן חֵדֶר אָדֶער יְשִׁיבָה, צוּ גֵיין אוֹיף רוּחָנִיּוּת'דִיגֶע פְּלֶעצֶער.

אִיךְ וואוֹין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט פָאר אִיךְ קַיין צְפוֹן צוּ גֵיין מִתְפַּלֵל זַיין בַּיי קִבְרֵי צַדִּיקִים, אָדֶער צוּמָאל צוּ אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער צוּ נֶעמֶען חִיזוּק, צוּם בֵּיישְׁפִּיל וֶוען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קוּמְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן מַיינֶע קִינְדֶער ווִילְן זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיטְקוּמֶען מִיט מִיר, סְפֶּעצִיעֶל מַיין 15 יֶערִיגֶער בָּחוּר.

יֶעדֶעס מָאל בִּין אִיךְ זֵייעֶר מְסוּפָּק וָואס צוּ טוּן, אִיךְ וֵוייס אַז זֵיי הָאבְּן לִיבּ חֵדֶר אוּן יְשִׁיבָה, זֵיי לֶערְנֶען פְלַייסִיג, וָואס אִיז דָאךְ בֶּאֱמֶת גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעס, "וְתַלְמוּד תּוֹרָה כְּנֶגֶד כּוּלָם", אִיךְ פִיל זֵייעֶר שְׁלֶעכְט אַז אִיךְ זָאל זֵיי אַרוֹיסְנֶעמֶען אוּן שְׁטֶערְן פוּן לֶערְנֶען, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען זַיין דָאס וֶועט זֵיי גֶעבְּן חִיזוּק אוּן פְרִישֶׁע כֹּחוֹת צוּ קֶענֶען זִיךְ נָאךְ מֶער שְׁטַארְקְן אִין לֶערְנֶען.

אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוַואקְסְן מִיט שְׁטְרֶענְגֶע עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן מִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלָאזְט גֵיין אִין עֶרְגֶעץ אִין דִי צַייט וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ סֵדֶר הַלִּימּוּד אִין יְשִׁיבָה, אֲפִילוּ דִי מֵיידְלֶעךְ הָאט מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלָאזְט פַארְפֶעלְן אַ סֵדֶר אִין שׁוּלֶע. אִיךְ וֵוייס אָבֶּער נִישְׁט וָואס דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז אִין דֶעם עִנְיָן, וָואס בַּארֶעכְטִיגְט דָאס אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ קִינְד פוּן חֵדֶר אָדֶער יְשִׁיבָה, אוּן וָואס נִישְׁט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֵיי אוֹיף קִבְרֵי צַדִּיקִים מִיט דַיינֶע קִינְדֶער. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן קעג): "עַל יְדֵי הִשְׁתַּטְּחוּת עַל קִבְרֵי הַצַּדִּיקִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה לוֹ טוֹבוֹת, אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ רָאוּי לְכָךְ", וֶוען מֶען אִיז מִתְפַּלֵל בַּיי קִבְרֵי צַדִּיקִים טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גוּטְס אֲפִילוּ מֶען אִיז נִישְׁט וֶוערְד.

גֵיין צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים מִיט דַיינֶע קִינְדֶער מִתְפַּלֵל זַיין אִיז נִישְׁט קַיין בִּיטּוּל תּוֹרָה; פַארְקֶערְט, עֶס וֶועט אַרַיינְגֵיין אִין זֵיי אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ לֶערְנֶען. בִּזְכוּת דִי צַדִּיקִים וֶועלְן זֵיי וֶוערְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, זֵיי וֶועלְן אוֹיסְוַואקְסְן צַדִּיקִים.

מַיין זֵיידֶע, קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה – פְלֶעגְט מִיר נֶעמֶען אַלְס קִינְד צוּ מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים. עֶר פְלֶעגְט גֵיין יֶעדְן עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ קַיין קִרְיַת יוֹאֵל צוּם צִיּוּן פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ מְסַאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיךְ פְלֶעג אַלְץ מִיטְגֵיין מִיט אִים, אוֹיךְ פְלֶעג אִיךְ מִיטְגֵיין מִיט אִים קַיין מִירוֹן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, אוּן דָארְט אַרוּם פָארְן צוּ אַלֶע הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים אִין צְפַת אוּן אִין טְבֶרְיָה.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ פָארְן מִיט אִים קַיין פּוֹילְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ מִלִּיזֶ'ענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן צוּ אַלֶע צַדִּיקִים וָואס לִיגְן אִין פּוֹילְן. אוֹיךְ קַיין אוּקְרֵיינָא; עֶר הָאט מִיר גֶענוּמֶען אַלְס יוּנְגֶער בָּחוּר קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, אוּן אוֹיף מֶעזִיבּוּז צוּם צִיּוּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק, אוֹר שִׁבְעַת הַיָּמִים, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

מַיין זֵיידֶע הָאט נִישְׁט מְבַטֵּל גֶעוֶוען קַיין אֵיין מִינוּט פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, דָאךְ אִיז עֶר גֶעפָארְן כְּסֵדֶר צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים מִתְפַּלֵל זַיין אוּן פּוֹעֵלְ'ן יְשׁוּעוֹת.

קֶענְסְט אוֹיסְרֶעכֶענֶען צַייטְן וָואס עֶס אִיז פַּאסִיג פַאר קִינְדֶער זֵיי זָאלְן נִישְׁט פֶעלְן פוּן חֵדֶר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת שלח (באר"י קרח) תשפ"ב)

חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג
אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב
צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 1-2-4-2
- שמעו ותחי נפשכם -

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876